קרן אלקלעי־גוט

# יְרוּשָׁה

דאָס בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פֿון מ. קאַגאַנאָוויטש און דער גאַנצער משפּחה.
די לידער זענען אין מקור אויף ייִדיש געשריבן און אַ דאַנק רבֿקה באַסמאַן בן־חיים זענען זיי געוואָרן אַ שאַפֿונג.
אַ דאַנק דניאל גלאַי און רפֿי ווײַכערט. אָן זייער הילף וואָלט "ירושה" בכלל ניט דערשינען.
ווערסיעס פֿון "דערמאָנונג" און "ירושה" זענען דערשינען אין *"דרכים לאהוב"* (קשב, 2017) אין העברעיִשער איבערזעצונג פון עודד פלד; "אַ גאַנצן טאָג זוך איך מײַנע ברילן" איז ערשטנס דערשינען אין *"שומרי נעורי"* (קשב, 2014) אין העברעיִשער איבערזעצונג פון דפי קודיש; "פליטים" און "איר געשיכטע" זענען איבערזעצט געוואָרן דורך עודד פלד; "געבורטסטאָג־טאָרט" איז ערשטנס דערשינען אויף מײַן געבורטסטאָג־טאָרט אין 2015...
העברעיִשער רעדאַקטאָר: רפי ווייכערט
פֿאָטאָגראַפֿיעס פון דער הילע און הינטערשטער הילע: עזרא גוט

הספר מוקדש לזכרו של מ. קגנוביץ וכל המשפחה.
השירים נכתבו במקור ביידיש והודות לרבקה בסמן בן־חיים התגבשו כיצירה.
ללא דניאל גלאי ורפי וייכרט "ירושה" לא היה יוצא לאור.
וורסיות של "נביעה" "ירושה" ראו אור ב*"דרכים לאהוב"* (קשב, 2017) בתרגום לעברית של עודד פלד; "תמיד אני מחפשת את המשקפיים," הופיע ב*"שומרי נעורי"* (קשב, 2014) בתרגום לעברית של דפי קודיש; "פליטים" ו"היסטוריה שלה" תורגמו לעברית על ידי עודד פלד; "עוגת יום הולדת" הופיע לראשונה על עוגת יום הולדת שלי ב־2015...
עורך העברית: רפי וייכרט.
צילום של תמונת השער והתמונה מאחור: עזרא גוט.

**דאָס בוך דערשײַנט מיט דער שטיצע פֿון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור**

**ספר זה יוצא לאור בתמיכת הרשות הלאומית לתרבות יידיש**

קרן אלקלעי־גוט

# יְרוּשָׁה

ספר שירים דו־לשוני
ייִדיש – עברית

הוצאת ה. לייוויק
ה. לייוויק־פֿאַרלאַג

*תל־אביב תשע"ח / 2018*

קרן אלקלעי־גוט
**ירושה**

Karen Alkalay-Gut
**INHERITANCE**

די לידער זענען איבערזעצט געוואָרן פֿון יִדיש אויף העברעיִש דורך דער פּאָעטעסע.
דאָס ליד "פּליטים" האָט איבערזעצט אויף יִדיש רבֿקה באַסמאַן בן־חיים

ISBN 978-965-7348-48-2

Copyright 2018
© כל הזכויות שמורות
All rights reserved
**אַלע רעכט געהערן צום לייוויק־פֿאַרלאַג און דער פּאָעטעסע**

אין לשכפל, להעתיק, לצלם, להקליט, לתרגם, לאחסן במאגר מידע, לשדר או לקלוט בכל דרך או אמצעי אלקטרוני, אופטי, מכני או אחר – כל חלק שהוא מהחומר שבספר זה. שימוש מסחרי מכל סוג שהוא בחומר הכלול בספר זה אסור בהחלט אלא ברשות מפורשת בכתב שתינתן מראש על ידי המחברת.

הוצאת ה. לייוויק
H. Leyvik Publishing House Tel-Aviv
www.leyvik.org.il; info@leyvik.org.il
זאַץ און אויסשטעל / סדר ועימוד: **ל. רחמן**
טאָוול־צייכענונג / ציור שער: **מולה בן־חיים**
הילע־געשטאַלטונג / עיצוב עטיפה: **ל. רחמן**
הודפס בישראל, 2018
Printed in Israel, 2018
דפוס שחף, תל־אביב



קרן אלקלעי־גוט

# אַרײַנפֿיר

מײַן ערשטער פּרסום איז געווען אויף ייִדיש. כ'בין געווען 11 יאָר און כ'האָב אין דעם ייִדישן "פֿאָרווערטס" אין ניו־יאָרק געשריבן אַ חיבור "דער קאָטער".

נאָכער האָב איך ווײַטער געשריבן אויף ייִדיש. כ'האָב אַפֿילו באַקומען אַ פּרײַז פֿאַר אַן אַרטיקל וועגן לויִס דעמביטש ברײַנדיס, דעם באַקאַנטן ייִדישן ריכטער. דעם אַרטיקל האָב איך אין אַ ספּעציעלער ייִדישער פּראָגראַם פֿאָרגעלייענט אויף דער ראַדיאָ און כ'האָב געפֿילט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גרויס פּובליקום, וואָס איז דאָרשטיק צו הערן, לייענען און ממשיך זײַן די קולטור וואָס איז פֿאַרשניטן געוואָרן אין חורבן.

נאָכער האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן  צו אַ צווייטן הויז און ס'איז דאָרט אין געגנט ניט געווען  קיין ייִדישע שול און ס'איז ניט געווען פֿאַר וועמען צו שרײַבן.

אין נײַער געגנט מײַנער איז בײַ די שכנים ניט געווען קיין אינטערעס אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אלא נאָר ווי אַזוי זיך צופּאַסן צו דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. כ'האָב ווײַטער געהערט און גערעדט ייִדיש, אָבער נאָר מיטן עלטערן דור. מײַנע עלטערן האָבן געהאַט אַ ייִדיש־ליטעראַרישן קרײַז און זיי האָבן צו ראַטשעסטער ניו־יאָרק, אונדזער שטאָט, פֿאַרבעטן באַקאַנטע ייִדישע שרײַבער ווי חיים גראַדע און יצחק באַשעוויס־זינגער. איינער פֿון די גוטע שרײַבער, ישׂראל אַמיט, האָט אַ צײַט געלעבט בײַ אונדז און ס'האָט זיך צווישן אונדז ביידע אַנטוויקלט אַ באַציִונג. ער האָט געזען, אַז איך שרײַב לידער, הגם אויף ענגליש, און ער האָט מיך דערמוטיקט. "אַ שאָד – האָט ער געזאָגט – וואָס איך קאָן ניט דערגיין צו אַן אַמעריקאַנעם פּובליקום". ער האָט מיר געעצהט ניט צו שרײַבן, אויב איך קאָן גיין שלאָפֿן און זיך באַגיין אָן דעם שרײַבן...

אין אַלגעמיין שרײַב איך אויף ענגליש, ניט ווײַל ס'איז מײַן מוטער־שפּראַך, אלא ווײַל כ'האָב אונטערריכטעט ענגלישע ליטעראַטור במשך פֿון פֿופֿציק יאָר און אַלע מײַנע קוואַלן זענען פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. גאַנץ אָפֿט פיל איך אַ באַדערפֿעניש צו שרײַבן פּאָעזיע, אַרטיקלען אָדער דערציילונגען אין ענגליש. וויניקער אָפֿטער פּרוּוו איך אויף העברעיִש, נאָר פֿון צײַט צו צײַט, אויך אַ ליד אויף ייִדיש פֿאָדערט פֿון מיר פֿאַרשריבן צו ווערן, און ס'לאָזט מיך ניט שלאָפֿן ביז איך פּרוּוו עס ניט אויס. די לידער אין אָט דעם בוך זענען אַ טייל פֿון וואָס כ'האָב געשריבן אויף ייִדיש אין מקור. אַ טייל האָב איך איבערזעצט פון ייִדיש אויף ענגליש

און עס פֿאַרעפֿנטלעכט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. שפּעטער זענען די זעלבע לידער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין העברעיִשער איבערזעצונג. למשל, דאָס ליד "פּליטים". נאָך דעם וואָס רבֿקה באַסמאַן בן־חיים האָט איבערזעצט דאָס ליד, האָט זיך עס אומגעקערט צו ייִדיש. האָב איך באַשלאָסן איר ווײַזן ס'רעשט לידער, וואָס כ'האָב געשריבן אויף ייִדיש.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די שווערע מיטאַרבעט פֿון רבֿקהן מיט מיר. מיר האָבן זיך געטראָפֿן יעדע וואָך במשך פֿון מער ווי אַ האַלב יאָר, כּדי דורכצוקוקן אַ סך פֿון די לידער. רבֿקה און איך האָבן אַרומגערעדט יעדעס וואָרט, און מיר זענען ממשיך געווען עס צו ענדערן און פֿאַרבעסערן. אין אָט דעם לידערבוך געפֿינט זיך נאָר אַ קליין טייל פֿון אָט דער בשותּפֿותדיקער אַרבעט. ס'רובֿ לידער וועט וואַרטן אויפֿן קומעדיקן בוך.

כ'האָב אויך איבערזעצט די לידער פֿון ייִדיש אויף ענגליש. דאָ האָב איך ווידער באַקומען הילף. רפֿי ווייכערט, וועלכער האָט רעדאַגירט מײַנע לעצטע פֿיר ביכער אויף העברעיִש, איז גרייט געווען צוצושטעלן אַ פּלייצע.

ניטאָ קיין ספֿק, אַז אָן דער הילף פֿון רבֿקה באַסמאַן בן־חיים, וואָלט איך ניט מסוגל געווען צו דערגאַנצן אָט דעם בוך. כ'האָב אויך קיין ספֿק ניט, אַז אָן דער דערמוטיקונג און דעם אונטערשטוּפּ פֿון דניאל גלאַיען, וואָלט דאָס בוך ניט דערשינען. זײַן גלויבן האָט פֿאַרשטאַרקט מײַן ווילן ווײַטער אָנצוגיין אין מײַן וועג פֿון שרײַבן אויף "מאַמע־לשון", ניט געקוקט אויף אַלע גורמים, וועלכע ווירקן נעגאַטיוו אויף דער נײַער ייִדישער פּאָעזיע.

ווען מײַן מוטער איז געווען אַ מיידל אין לידע (ליטע), האָט זי זיך מטפּל געווען מיט אַ קינד, וואָס זײַן משפּחה האָט געווינט אַנטקעגן אונדז. מולאַ קושיאַנסקי האָט ער געהייסן. ווען זיי האָבן זיך ווידער געטראָפֿן מיט דרײַסיק יאָר שפּעטער, האָט ער געהייסן מולה בן־חיים. נאָך דעם וואָס מיר האָבן אים באַזוכט אין זײַן סטודיע אין גן־חיים, איז מײַן מוטער געווען פול מיט זכרונות וועגן זייער פֿאַרשניטענעם לעבן אין לידע. ס'בילד וואָס דער מאָלער האָט געשאַפֿן אילוסטריט דאָס דאָזיקע בוך און אַ דאַנק רבֿקה בן־חיים ברענגט עס מיך צוריק צו יענע טעג.

אין דער הינטערשטער הילע זעט מען מוקאַן, מײַן הינטל, מיט מיר.

צום סוף וויל איך באַדאַנקען מײַן גאַנצע משפּחה – קינדער און אייניקלעך – וועלכע האָבן דערלויבט דער באָבען, מוטער און לעבנס־באַגלייטערין זי זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן ניט תּמיד פֿאַרשטאַנען, נאָר האָבן געוווּסט ווי וויכטיק איז זי פֿאַר איר. הלוואַי זאָל קומען דער טאָג ווען זיי אַליין וועלן לייענען און פֿאַרשטיין מײַנע ייִדישע לידער.

## מבוא

הפרסום הראשון שלי היה ביידיש. הייתי בת אחד עשרה וכתבתי ב"פורוורדס" – העיתון בשפת היידיש בניו יורק – על החתול שלי: "מיין קאטער". אחרי זה המשכתי לכתוב ביידיש, ואפילו קיבלתי פרס עבור מאמר על לואיס דמביץ ברנדייס, השופט היהודי הידוע. קראתי את המאמר ברדיו בתוכנית מיוחדת ביידיש והרגשתי שיש קהל רב שהוא צמא לשמוע ולקרוא, ולהמשיך את התרבות שנקטפה במלחמה.

אחר כך עברנו דירה ולא היה בית ספר ליידיש בסביבה ולא היה למי לכתוב. בסביבת המגורים החדשה שלי לא היה לשכנים עניין במה שהיה, אלה איך להתאים את עצמם לסביבה האמריקאית. המשכתי לשמוע ולדבר יידיש, אבל רק עם הדור המבוגר. להורי היה חוג לספרות יידיש והם הזמינו לעיר שלנו, רוצ'סטר ניו יורק, הרבה סופרים ידועים.

היו ביניהם אנשים צבעוניים כמו חיים גראדה ויצחק בשביס זינגר ובדרך כלל הם היו מרצים במרכז הקהילתי ואחר כך סועדים אצלנו בבית.

אחד מהסופרים הטובים, ישראל אמיוט, גר בביתנו תקופת-מה והתפתח בנינו קשר טוב. הוא ראה שאני כותבת שירים (אמנם באנגלית) ועודד אותי. "חבל," הוא אמר, "שגם אני לא יכול להגיע לקהל אמריקני." כמרכן יעץ לי לא לכתוב, אם אני מסוגלת ללכת לישון בלי לכתוב.

בדרך כלל אני כותבת באנגלית – לא בגלל היותה שפת האם שלי, אלא שאני לימדתי ספרות אנגלית במשך חמישים שנה וכל המקורות שלי בשירה הם באנגלית. לעיתים קרובות אני מרגישה צורך לכתוב שירה או מאמרים או סיפורים באנגלית, לעיתים רחוקות אני מנסה בעברית, אבל מדי פעם, גם שיר ביידיש דורש שאכתוב אותו, ולא נותן לי לישון עד שאני מנסה. השירים שמופיעים כאן הם חלק ממה שכתבתי במקור ביידיש. חלק מהם תרגמתי בתחילה מיידיש לאנגלית ופירסמתי אותם בארצות הברית. לאחר מכן אותם שירים הופיעו בתרגום לעברית, השיר "פליטים" לדוגמה. אחרי שרבקה באסמן בן־חיים תרגמה את "פליטים" חזרה ליידיש, החלטתי להראות לה את שאר השירים שכתבתי במקור ביידיש.

כך התחילה העבודה הקשה של רבקה איתי. התחלנו להיפגש כל שבוע במשך למעלה מחצי שנה, כדי לעבור על שירים רבים. רבקה ואני דנו על כל מילה, וכל

פעם המשכנו לשנות ולשפר. בספר זה נמצא חלק קטן מהעבודה הזו. הרוב ימתין לספר הבא.

אחר כך תרגמתי את השירים מיידיש לעברית. כאן שוב הייתה לי עזרה. רפי ווייכרט, אשר ערך את ארבעת הספרים האחרונים שלי בעברית, הסכים לעזור.

אין לי ספק שללא עזרתה של רבקה באסמן בן־חיים, לא הייתי מסוגלת להשלים את הספר. גם אין לי ספק שללא העידוד והדחף של דניאל גלאי, ספר זה לא היה יוצא בכלל לאור. איש חדור באמונה שאפשר להמשיך את המסורת של כתיבה ב'מאַמע לשון', למרות כל הגורמים אשר פועלים כנגד השירה החדשה ביידיש, חיזק בי הרצון להמשיך לכתוב.

כשאמא שלי הייתה נערה בלידא, היא שמרה על ילד שמשפחתו גרה ממול ביתה. קראו לו מולה קושיאנסקי. כשהם נפגשו שוב, כשלושים שנה אחרי־כן, הילד היה לצייר וקראו לו מולה בן־חיים. אחרי שביקרנו אותו בסטודיו בגן־חיים, אמי הייתה מלאה זיכרונות על החיים שלהם בלידא, חיים שאבדו. התמונה שהוא צייר המופיעה בשער ספר זה, תודה לרבקה בן־חיים, מחזיר אותי ליום הזה.

מוקה, הכלב שמופיע איתי בגב הספר, אכן לימד אותי שיש שפת תקשורת שקיימת מעבר לשפה, ושווה להתאמץ ולהגיע לסוג של קשר אינטימי בכל שפה.

ולבסוף אני חייבת להודות לכל המשפחה שלי – ילדים ונכדים – שהניחו לסבתא, לאמא, ולבת הזוג לעסוק בדברים בשפה שלא תמיד הבינו אבל ידעו שהיא מאד חשובה לה. אני מקווה שיום אחד יידעו לקרא ולהבין בעצמם את שירי היידיש שלי.

# ייִדיש

שווער און ביטער צו שרײַבן אויף ייִדיש.
אַזאַ זיסע שפּראַך,
אַזעלכע שאַרפֿע  דערמאָנונגען.

כ׳האָב ניט קיין ווערטער
עס צו דערציילן.

# יִידִישׁ

מַר וְקָשֶׁה
לִכְתֹּב בְּיִידִישׁ,
שָׂפָה כֹּה מְתוּקָה,
זִכְרוֹנוֹת כֹּה חֲרִיפִים,

אֵין לִי מִלִּים
לְתָאֵר.

# שרײַבן לידער

"Unscrew the locks from the doors!
Unscrew the doors themselves from their jambs – !"

*Walt Whitman, Leaves of Grass*

איך האָב אויפֿגעשרויפֿט די שלעסער פֿון אַלע טירן,
און אויפֿגעשרויפֿט אַלע טירן אויך פֿון זײערע ראַמען,
און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע
בליקן אויף דער פּאַנאָראַמע.
דערנאָך האָב איך צוריק געבראַכט די שלעסער,
פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן דעם אַרײַנגאַנג.

ווער וועט שוין וועלן אַרײַנקומען?
אַפֿשר בלויז אײניקע מוזעס, וואָס וואָלטן געקוקט
איבער מײַן אַקסל, ווי אַזוי איך פּרוביר עפּעס שרײַבן
און געזונגען:
ווערסט אונדז באַדאַנקען
פֿאַרן פֿאַרשפּאָרן דיר
אַ גאַנצן פֿרימאָרגן
מיט דײַנע מאָדנע געדאַנקען.
דו האָסט גענוג געבלאָנדזשעט.
שרײַב ניט מער.

# כתיבת שירים

פָּרְקוּ אֶת הַמַּנְעוּלִים מִן הַדְּלָתוֹת!
פָּרְקוּ אֶת הַדְּלָתוֹת עַצְמָן מִצִּירֵיהֶן!
וולט וִויטמן

הֵסַרְתִּי אֶת כָּל הַמַּנְעוּלִים מֵהַדְּלָתוֹת,
וְהוֹרַדְתִּי אֶת כָּל הַדְּלָתוֹת מֵהַמַּשְׁקוֹפִים
וְהִתְיַשַּׁבְתִּי עַל הָרִצְפָּה וְהִבַּטְתִּי בַּנּוֹף.
אָז הֶחְזַרְתִּי אֶת כָּל הַדְּלָתוֹת
וְחָסַמְתִּי אֶת כָּל הַכְּנִיסוֹת.

מִי כְּבָר הָיָה רוֹצֶה לְהִכָּנֵס?
אוּלַי רַק כַּמָּה מוּזוֹת
שֶׁיִּצְפּוּ מֵעֵבֶר לִכְתֵפִי כְּשֶׁאֲנִי מְנַסָּה לִכְתֹּב
וְיָשִׁירוּ:
אַתְּ תּוֹדִי לָנוּ
שֶׁחָסַכְנוּ לָךְ
בֹּקֶר שָׁלֵם
עִם הַמַּחְשָׁבוֹת הַמּוּזָרוֹת שֶׁלָּךְ.
הִתְבַּלְבַּלְתְּ מַסְפִּיק.
אַל תִּכְתְּבִי יוֹתֵר.

און טאָמער וועט זיך געפֿינען
איין טײַערער לייענער
און ער וועט לייענען, וואַס דו שרײַבסט
און זיך פֿאַרקרימען פֿון וואָס ער לייענט
און מאַכן אַ מינע און דיר זאָגן:
'עס זײַנען דאָ אַ סך בעסערע דיכטערס,
וואָס שרײַבן דעם זעלביקן געדאַנק
און זאָגן מער אָריגינעלע זאַכן ווי דו,
און דריקן זיך אויס מער אָריגינעל ווי דו,

און צום סוף
וועט זיך אפֿשר געפֿינען אַ רעדאַקטאָר,
וואָס קלערט אַרויסגעבן אַ בוך,
דאַן מוז ער זיך מיישבֿ זײַן, צי איז עס ווערט
אויסגעבן אַזוי פֿיל געלט
פֿאַר דײַן מאָדנעם פּראָיעקט,
גיי ווייס, אויב עמעצער וועט עס בכלל קויפֿן.

איך מיין אַז, אין דער צוקונפֿט
ווען כ'וועל פּלאַנירן
אַראָפּצונעמען די שלעסער פֿון אַלע טירן,

וועל איך פֿריִער די מוזעס ניט דערציילן.

אִם בִּכְלָל קַיָּם
קוֹרֵא יָקָר אֶחָד
שֶׁיִּקְרָא מָה שֶׁאַתְּ כּוֹתֶבֶת,
מַשֶּׁהוּ מִשִּׁגְיוֹנוֹתַיִךְ
וַיַּעֲוֶה אֶת פָּנָיו;
'יֶשְׁנָם מְשׁוֹרְרִים טוֹבִים יוֹתֵר
שֶׁכּוֹתְבִים עַל אוֹתוֹ נוֹשֵׂא
וְאוֹמְרִים דְּבָרִים מְקוֹרִיִּים מִשֶּׁלָּךְ...

וּלְבַסּוֹף
אוּלַי יֵשׁ עוֹרֵךְ
שֶׁמַּתְאִים לוֹ לְפַרְסֵם סֵפֶר,
הוּא חַיָּב לַחְשֹׁב אִם זֶה כְּדַאי
לְהוֹצִיא כֶּסֶף רַב כָּל כָּךְ עַל פְּרוֹיֶקְט שֶׁלָּךְ,
אִם מִישֶׁהוּ בִּכְלָל יִקְנֶה אֶת זֶה.'

נִדְמֶה לִי שֶׁבֶּעָתִיד
כְּשֶׁאֶתְכַּנֵּן לְהָסִיר אֶת כָּל הַמַּפְתְּחוֹת
מִכָּל הַדְּלָתוֹת

לֹא אֲסַפֵּר זֹאת לַמְּזוּזוֹת.

## אַ קליין טייל פֿון דער געשיכטע

כ׳בין אַ קליין טייל פֿון דער געשיכטע,
אַ קלייִנטשיק ביסל, אַ בליץ זכּרון,
אַ מעשׂהלע וואַס עמעצער האַט מיר דערציילט,
אַ קליין ברעקל
פֿון "ניט־איך".

ווי אַן אַלט קלייד
וואָס געפֿינט זיך אינעווייניק אין אַלמער
אויף דער אייבערשטער פּאָליצע,
צעקנייטשט, פֿאַרשימלט
וואָס פּאַסט פּונקט אָנצוטאָן
מיט דזשינס געקויפֿטע
אַ טאָג פֿריִער.

כ׳בין אַ רמז
וואָס זאָגט:
דו ביסט אַ טייל
פֿון הײַנט
און פֿון אַמאָל
און פֿון חלומות
וואָס קענען נאָך דערשײַנען.

# חלקיק קטן

אֲנִי חֶלְקִיק קָטָן מֵהַהִיסְטוֹרְיָה
חֲתִיכָה קְטַנָּה, זִכְרוֹן בָּזָק,
אָנֶקְדּוֹטָה שֶׁמִּישֶׁהוּ פַּעַם סִפֵּר,
פֵּרוּר קָטָן
מִמָּה שֶׁ"אֵינֶנּוּ אֲנִי"

כְּמוֹ שִׂמְלָה יְשָׁנָה שֶׁהִתְגַּלְּתָה
עַל הַמַּדָּף הָעֶלְיוֹן בָּאָרוֹן,
מְקֻמֶּטֶת, מְעֻפֶּשֶׁת,
מַתְאִימָה בְּדִיּוּק
לַגִּ'ינְס שֶׁקָּנִיתִי
יוֹם קֹדֶם.

אֲנִי רֶמֶז
שֶׁאוֹמֵר,
אַתָּה חֶלְקִיק
מֵהַיּוֹם
וּמִפַּעַם
וּמֵחֲלוֹמוֹת
שֶׁעוֹד יְכוֹלִים לְהִתְגַּשֵּׁם.

## ירושה

ניטאָ קיין בילדער,
ניט פֿון זיידן, ניט פֿון דער באָבען,
זייער האַנטשריפֿט
האָב איך קיין מאָל נישט געזען.
כ'האָב קיין מאָל נישט געטראָפֿן
ניט מײַן מאַמעס שוועסטער, ניט אירע ברידער,
זייערע שטימעס האָב איך קיין מאָל נישט געהערט.

אָבער אַ מאָל קומען צו מיר
אַ פּאָר ווערטער,
אַ פּאַר זאַצן,
אַ באַגריף
פֿון אינעווייניק,
עלעהיי זיי זײַנען נאָך אַלץ דאָ.

און זיי זוכן אַ וועג
צו דערציילן זייערע געשיכטעס,
ווײַזן זייערע פּנימער,
זייער קול זאָל דערהערט ווערן.

# ירושה

אֵין שׁוּם תַּצְלוּמִים
לֹא מִסַּבָּא, לֹא מִסַּבְתָּא.
אֶת כְּתַב יָדָם
מֵעוֹלָם לֹא רָאִיתִי.
מֵעוֹלָם לֹא פָּגַשְׁתִּי
אֶת אַחְיוֹתֶיהָ שֶׁל אִמִּי וְלֹא אֶת אַחֶיהָ,
אֶת קוֹלוֹתֵיהֶם לֹא שָׁמַעְתִּי מֵעוֹלָם.

אֲבָל לְעִתִּים בָּאִים אֵלַי
מִלִּים וּמִשְׁפָּטִים,
תִּזְכּוֹרוֹת
מִתּוֹכִי
שֶׁהֵם עוֹדָם אִתִּי.

וְהֵם מְחַפְּשִׂים דֶּרֶךְ
לְסַפֵּר אֶת סִפּוּרֵיהֶם,
לְהַצִּיג אֶת פְּנֵיהֶם
לְהַשְׁמִיעַ אֶת קוֹלָם.

# אַפּעטיט

„קאָנטשעט" עסן – ענדיקט עסן,"
פֿלעגט מײַן באָבע
בעטן אירע קינדער
האָפֿנדיק אָפּצורײַניקן דעם טיש
פֿאַר דעם קומענדיקן מאָלצײַט. אָבער זיי
פֿלעגן זיך צעלאַכן און ווײַטער אַרײַנבײַסן אין ברויט.
„ענדיקן?!"
„אויב מען ענדיקט עסן,
איז מען טויט."

# תיאבון

"תִּגְמְרוּ לֶאֱכֹל,"
הָיְתָה סָבָתִי קוֹרֵאת לִילָדֶיהָ
בְּתִקְוָה לְנַקּוֹת אֶת הַשֻּׁלְחָן
לָאֲרוּחָה הַבָּאָה. אֲבָל הֵם
הָיוּ צוֹחֲקִים וּמַמְשִׁיכִים לְכַרְסֵם אֶת לַחְמָם
"כְּשֶׁגּוֹמְרִים לֶאֱכֹל,
מֵתִים."

# דעם שליסל

איך האָב פֿאַרגעסן דעם שליסל
צו דער טיר פֿון שלאָף.
פֿון דעם ליידיקן אָרט
קומען אַרויס
קולות וואָס באַשולדיקן.

זיי שעפּטשען צו מיר,
וואָס איך האָב געקענט אויפֿטאָן
דעם הײַנטיקן טאָג,
ווען האָב איך באַדאַרפֿט רעדן
און וואָס האָב איך געמוזט טאָן.

און ווײַל איך געדענק אַזוי פֿיל,
פֿאַרגעס איך ווו געפֿינט זיך
דער שליסל
צו דער טיר פֿון שלאָף.

## המפתח

שָׁכַחְתִּי אֶת הַמַּפְתֵּחַ
אֶל דֶּלֶת הַשֵּׁנָה
מֵחוֹר הַמַּנְעוּל הָרֵיק
יוֹצְאִים
קוֹלוֹת שֶׁל אַשְׁמָה

הֵם לוֹחֲשִׁים לִי
מָה יָכֹלְתִּי לְהָפִיק מֵהַיּוֹם
מָה הָיָה עָלַי לְסַפֵּר
וּמָה לַעֲשׂוֹת

וּבִזְמַן שֶׁאֲנִי זוֹכֶרֶת כֹּה הַרְבֵּה
אֲנִי שׁוֹכַחַת הֵיכָן נִמְצָא
הַמַּפְתֵּחַ
אֶל דֶּלֶת הַשֵּׁנָה.

# אַ פּאָר סאָלדאַטן

"איך קען ניט געפֿינען מײַנע װײַסע שיך.
װוּ האַסטו זײ פֿאַרבאַהאַלטן?"
װאָלט איך מײַן מאַמען געפֿרעגט,
װאָלט זי תּמיד גלײַך געענטפֿערט:
"אַ פּאָר סאָלדאַטן זײַנען געקומען און זײ אַװעקגערױבט"
און מיר פֿלעגן אַלע לאַכן.
אָבער ס'איז ניט געװען פֿון װאָס צו לאַכן.
אין דער מלחמה, אין לידאַ, פֿלעגט אַזױ געשען.
סאָלדאַטן – פּױלישע, רוסישע, דײַטשישע –
פֿלעגן קומען און צונעמען
אַלץ װאָס קומט צו דער האַנט.
און דערפֿון האָט מײַן מאַמע
געמאַכט אַ שפּאַס
און מײַנע װײַסע שיך
זײַנען פֿון מײַן געדאַנק פֿאַרשװוּנדן.

## כמה חיילים

"אֲנִי לֹא מוֹצֵאת אֶת הַנַּעֲלַיִם הַלְּבָנוֹת שֶׁלִּי.
אֵיפֹה הֶחְבֵּאת אוֹתָם?"
נָהַגְתִּי לִשְׁאֹל אֶת אִמִּי,
וְהִיא תָּמִיד הֵשִׁיבָה:
"כַּמָּה חַיָּלִים בָּאוּ וְלָקְחוּ"
וְכֻלָּנוּ צָחַקְנוּ.
אֲבָל זוֹ לֹא הָיְתָה בְּדִיחָה.
כָּךְ הָיָה בְּלִידָא בִּתְקוּפַת הַמִּלְחָמָה
חַיָּלִים פּוֹלָנִים, רוּסִים, גֶּרְמָנִים
הָיוּ בָּאִים וְלוֹקְחִים
מִכָּל הַבָּא לַיָּד.
וּמִזֶּה אִמִּי
הֵפִיקָה אֶת הַשְּׁנִינָה
וּמֵאָז נִמְחֲקוּ עִקְּבוֹת נַעֲלֵי הַלְּבָנוֹת.

# נאָך דער מלחמה

נאָך דער מלחמה
זײַנען אָנגעקומען צו אונדז קיין אַמעריקע אַ סך מענטשן:
גאַנצע, האַלבע, מאָגערע, בלאַסע,
מענטשן וואַס אַיעדן איינעם האָט עפּעס אָדער עמעצער פֿאַרפֿעלט.
איגנאַץ ווינטער איז געקומען מיט זײַן ווײַב און זון
(אָבער אויף יעדער האַנט בלויז צו דרײַ פֿינגער),
ווילי נײַזנער איז געבליבן אַליין.
ער האָט תּמיד געלאַכט,
אַז מיר האָבן פֿון אים שפּאַס געמאַכט,
אָבער ער האָט שוין ניט געוואָלט מער לעבן.
מײַן טאַטע האָט אים געפֿונען אין זײַן צימער
אַליין, קאַלט ווי אַ שטיין.

אין אַלע פּליטים איז פֿאַרבליבן דער אַליין.
אַיעדער האָט געזוכט מאַמעס, טאַטעס, קינדער.
איך בין געווען נאָך אַ מיידל,
אָבער איך האָב געהאַט מײַן אייגענעם צימער,
אַ ברודער, מײַן מאַמעס אַ טאַנטע,
אַ טאַטע וואָס האָט ניט געטאָרט ריידן,
אַ מאַמע וואָס האַט ניט אויפֿגעהערט וויינען
און קיינער איז ניט פֿאַרבליבן אים צו זוכן.

# אחרי המלחמה

לְאַחַר הַמִּלְחָמָה בְּ־1950
הִגִּיעוּ אֵלֵינוּ לְאָמֵרִיקָה אֲנָשִׁים רַבִּים,
אֲנָשִׁים שְׁלֵמִים, אֲנָשִׁים חֲצוּיִים, אֲנָשִׁים חֶלְקִיִּים,
אֲנָשִׁים חוּרִים.
לְכָל אֶחָד חָסַר מַשֶּׁהוּ אוֹ מִישֶׁהוּ.
אִיגְנָץ וִינְטֶר הִגִּיעַ עִם אִשְׁתּוֹ וּבְנוֹ
(אֲבָל בִּשְׁתֵּי יָדָיו הָיוּ רַק שָׁלֹשׁ אֶצְבָּעוֹת)
וִילִי נַיְיזְנֶר הָיָה לְבַדּוֹ.
תָּמִיד צָחַק
כְּשֶׁעָשִׂינוּ מִמֶּנּוּ צְחוֹק
אֲבָל כְּבָר לֹא רָצָה לִחְיוֹת.
אָבִי מָצָא אוֹתוֹ בְּחַדְרוֹ
לְבַד, קַר כָּאֶבֶן.

כָּל הַפְּלִיטִים הָיוּ לְבַדָּם
כָּל אֶחָד חִפֵּשׂ אִמָּהוֹת, אָבוֹת, יְלָדִים.
הָיִיתִי יַלְדָּה
אֲבָל הָיוּ לִי חֶדֶר מִשֶּׁלִּי,
אָח, אִמָּא, אַבָּא:
אַבָּא שֶׁלֹּא דִּבֵּר
אִמָּא שֶׁלֹּא הִפְסִיקָה לִבְכּוֹת
וְשׁוּם אָדָם לְחַפֵּשׂ אַחֲרָיו.

## פּליטים

מײַנע עלטערן װאָלטן קײן מאָל זיך ניט אומגעקערט קײן לידאַ.
פֿאַר זײ איז עס געװען אַ קבֿר, אַן אָפֿן גרוב,
פֿון װעלכן זײ זענען אַנטרונען,
און טאָמער װאָלטן זײ זיך דערנענטערט
װאָלטן זײ אין אים פֿאַרשלונגען געװאָרן .

דאָרט איז ניט געװען קײן זאַך,
װאָס זי האָט מיר געקאָנט דערצײלן אָן געװײן,
אַפֿילו די שטוב אױפֿן מאַרקפּלאַץ,
די הינער אין הױף, בשכנות דער שול
צו װעלכער דער זײדע
פֿלעגט װעקן די שכנים – "ייִדן, תּהילים!"

און אױך מײַן טאַטע האָט גאָרניט געזאָגט:
אַפֿילו װען זײערע עלטערן האָבן געװױנט טיר בײַ טיר
און די באָבעס פֿלעגן זיך טרעפֿן פֿאַרנאַכט
אױף די טרעפּ פֿאַרן הױז
זיך טײלן מיט אַ רגע־לופֿט און אפֿשר
די רכילות פֿון טאָג.

# פליטים

הוֹרַי לֹא הָיוּ חוֹזְרִים לְעוֹלָם לְלִידָא.
בִּשְׁבִילָם זֶה הָיָה קֶבֶר, בּוֹר פָּתוּחַ
שֶׁפַּעַם נִמְלְטוּ מִמֶּנּוּ
וְאִלּוּ הִתְקָרְבוּ
הָיוּ נִבְלָעִים בּוֹ כָּלִיל.

הִיא לֹא יָכְלָה לְסַפֵּר לִי דָּבָר
בְּלִי לִבְכּוֹת, אֲפִלּוּ עַל הַבַּיִת
בְּכִכַּר הַשּׁוּק, הַתַּרְנְגוֹלוֹת
בַּחֲצַר בֵּית־הַכְּנֶסֶת הַסָּמוּךְ
שֶׁלִּכְבוֹדוֹ הָיָה סַבָּא מֵעִיר אֶת הַשְּׁכֵנִים
חוֹבֵט בִּתְרִיסֵיהֶם: "תְּהִלִּים, יְהוּדִים!"

וְגַם אָבִי לֹא אָמַר דָּבָר,
אַף שֶׁהוֹרֵיהֶם גָּרוּ בִּשְׁכֵנוּת
וְהַסַּבְתּוֹת נִפְגְּשׁוּ בְּפִתְחֵי הַבָּתִּים בְּכָל בֵּין עַרְבַּיִם
לַחֲלֹק רֶגַע שֶׁל אֲוִיר וְאוּלַי
אֶת הָרְכִילוּת הַיּוֹמִית.

אַזוי פֿיל יאָרן פֿון לידאַ! אַזוי פֿיל
קערפּערס מיט אַזוי פֿיל הערצער
וואָס האָבן זייער האַרץ־קלאַפּ אויפֿגעהערט!
זעלטן ווען איין נאָמען איז אויף דער מאַמעס ליפּן
פֿאַרבליבן אָן אַלע אַנדערע נעמען
טרערנדיק פֿון אירע אויגן.

און אויך פֿאַר מיר
איז אוממיגלעך דער אומקער
ווי אויך זיך ניט אומקערן אַהין.

(איבערזעצונג: רבקה באַסמאַן בן־חיים)

שְׁנוֹת לֵידָא כֹּה רַבּוֹת! גּוּפוֹת כֹּה רַבּוֹת
עִם לְבָבוֹת רַבִּים שֶׁאֵינָם פּוֹעֲמִים עוֹד!
לְעִתִּים נְדִירוֹת הָיָה עוֹלֶה עַל שִׂפְתֵי אִמִּי שֵׁם אֶחָד
מִבְּלִי שֶׁכָּל הָאֲחֵרִים יִזָּלְגוּ מֵעֵינֶיהָ.

וְגַם בִּשְׁבִילִי,
בִּלְתִּי אֶפְשָׁרִי לַחֲזֹר
וְלֹא לַחֲזֹר.

# איר געשיכטע

איך האָב קיין מאָל ניט געקענט דערציילן גענוי איר געשיכטע.
אַ מאָל אַנטלויפֿט עס פֿון מיר, אַ מאָל בין איך נישט זיכער
אַז עס קען טאַקע געשען. אַ מאָל לייען איך וועגן איר טויט
פֿאַרשיידענע ווערסיעס,
אָדער נאָר אַ טייל ווי מען הערט פֿון עטלעכע עדות,
און עס באַלויכט מײַן זכּרון –
און די שרעקלעכע טעג,
ווען כ׳האָב ערשט געהערט,
וואָס איר איז דאַן געשען,
קומען צוריק צו מיר.

דאַס געפֿיל איז אין מײַן בלוט:
איך בין באַשאַפֿן געוואָרן דעם זעלבן טאָג
ווען זי איז געשטאָרבן.
אַזאַ געפֿיל איז אין מײַן בלוט.
זי פֿלעגט אויפֿרײַסן באַנען.
איר גבֿורה איז אויפֿגעשוווּמען
פֿון איר אויסגעשטרעקטער גאָמבע
און פֿון די צוויי קליינע קינדער, וואָס זי האָט געזען
ווי מען שלײַדערט אויף דער וואַנט פֿון זייער הויז.
אַבֿרם פֿון צוועלף חדשים און מאַשאַ, צוויי יאָר.
מײַנע קוזינעס.
אויך זיי זײַנען אין מײַן בלוט. אַלץ וואָס ס׳איז פֿאַרבליבן.

## הסיפור שלה

מֵעוֹלָם לֹא הִצְלַחְתִּי לְסַפֵּר אֶת סִפּוּרָהּ
לִפְעָמִים הוּא נִשְׁמָט מִזִּכְרוֹנִי, לִפְעָמִים אֵינֶנִּי בְּטוּחָה
שֶׁבֶּאֱמֶת יָכוֹל הָיָה לְהִתְרַחֵשׁ, לִפְעָמִים אֲנִי קוֹרֵאת
דּוּחוֹת שׁוֹנִים עַל מוֹתָהּ, אוֹ שֶׁקֶּטַע
מֵעֵדוּת כָּלְשֶׁהִי מְעוֹרֵר אֶת זִכְרוֹנִי וְשָׁבִים הַיָּמִים
הַנּוֹרָאִים כְּשֶׁשָּׁמַעְתִּי לָרִאשׁוֹנָה אֶת שֶׁאֵרַע לָהּ.

רַק זֶה טָבוּעַ בְּדָמִי:
נוֹצַרְתִּי בְּרֶחֶם אִמִּי בְּיוֹם מוֹתָהּ.
רַק זֶה טָבוּעַ בְּדָמִי.
הִיא פּוֹצְצָה רַכָּבוֹת.
אֹמֶץ לִבָּהּ נָבַע מִסַּנְטֵרָהּ הַמּוּרָם
וּמִשְּׁנֵי הָעוֹלָלִים שֶׁרָאֲתָה
מוּטָחִים בְּקִיר בֵּיתָם.
אַבְרָם בֶּן שָׁנָה וּמָאשָׁה בַּת שְׁנָתַיִם.
דּוֹדָנַי מִדַּרְגָּה רִאשׁוֹנָה.
גַּם הֵם – טְבוּעִים בְּדָמִי – כָּל מָה שֶׁנּוֹתַר.

אויב איך האָב דעם כּוח צו באַשרײַבן די עופּעלעך,
קען איך שרײַבן ווײַטער –
נאָכגיין איר וועג, ווּהין זי מיט איר מאַן אַנטלויפֿן
פֿון דעם טורמע־לאַגער,
און זי  פֿאַרבינדט זיך מיט דעם אָטריאַנסקי־אָטריאַד,
בריגאַדע לענין, אין ליפּיטשענסקאַ וואַלד.

איך קען פֿילן איר מויל, אירע ענגע ליפּן פֿאַרקלעמט,
ווי זי בייגט זיך איבער די מינעס,
ערנסט ווי אין דעם בילד נאָך זײַענדיק אַ קינד.
אין בילד איז זי געזעסן צוזאַמען מיט די קינדער אין כאָר.
אַן ערנסטע אין מיטן די פֿריילעכע זינגערס
אַזוי ווי זי וואָלט געוווּסט, אַז זי וועט האָבן
וויכטיקערע ראָלעס אויסצושפּילן.

פֿאַראַן דרײַ פֿאַרשיידענע עדות וועגן איר טויט:
אַבאַ קאָוונער האָט מיר דערציילט, אַז זי איז געכאַפּט געוואָרן
אין אַ פּעולה און געוואָרן אויפֿגעהאָנגען.
ער האָט אַוועקגעקוקט אָן אַ זײַט ווען ער האַט גערעדט,
ער האָט מיך דורכנעמיק, ווי שטענדיק, ניט באַקוקט
מיט זײַנע טראַגישע אויגן,
און איך האָב געוווּסט, אַז עס איז געווען מער פֿון וואָס ער
האָט דערציילט.

אִם אוּכַל לִכְתֹּב עַל הַתִּינוֹקוֹת הָאֵלֶּה,
אוּכַל לְהִסְתַּדֵּר עִם הַשְּׁאָר –
לָלֶכֶת בְּעִקְּבוֹת נְתִיב בְּרִיחָתָהּ
מִמַּחֲנֵה הַשְּׁבוּיִים עִם בַּעֲלָהּ
וְהִצְטָרְפוּתָהּ לִבְרִיגָדַת לֶנִין
אוֹטְרִיאַנְסְקִי אוֹטְרִיאַד, יַעַר לִיפִּיצַ'נְסְקָה.

אֲנִי יְכוֹלָה לָחוּשׁ אֶת פִּיהָ, שְׂפָתֶיהָ הַצָּרוֹת מְהֻדָּקוֹת
בְּעוֹדָהּ רוֹכֶנֶת מֵעַל הַמּוֹקְשִׁים הָרְגִישִׁים,
רְצִינִית כְּמוֹ בַּתַּצְלוּם שֶׁבּוֹ יָשְׁבָה
כְּיַלְדָּה עִם שְׁאַר הַמַּקְהֵלָה
לֹא מְחַיֶּכֶת בֵּין הַזַּמָּרִים הַחוֹגְגִים
אוּלַי נוֹעֶדֶת לְהַרְבֵּה יוֹתֵר מִזֶּה.

יֵשׁ לְפָחוֹת שְׁלֹשָׁה דִּוּוּחִים עַל מוֹתָהּ:
הַפַּרְטִיזָן אַבָּא קוֹבְנֶר סִפֵּר לִי שֶׁנִּתְפְּסָה
בְּעֵת מְשִׂימָה וְנִתְלְתָה. הוּא הֵסֵב מַבָּטוֹ הַצִּדָּה כְּשֶׁדִּבֵּר,
לֹא נוֹעֵץ בִּי כְּתָמִיד מַבָּט חוֹדֵר בְּעֵינָיו הַטְּרָגִיּוֹת,
וְיָדַעְתִּי שֶׁהָיוּ עוֹד דְּבָרִים שֶׁלֹּא רָצָה לְסַפֵּר.

אין אַן אַנדער בוך איז פֿאַרשריבן, אַז זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן אָטריאַד.
זיי זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון אַן איבערפֿאַל, און אפֿשר האַט זי געשוואַנגערט,
און איז געפֿאַנגען געוואָרן אין טורמע זשעטל.
די טורמע איז געוואָרן פֿאַרברענט, אפֿשר ניט צופֿעליק...

ווען מײַן מאַמע האַט מיר דערציילט די געשיכטע,
וואָס זי האָט ערשט געהערט בײַ דער פֿריזירערין,
בין איך געווען אַ קינד, ניט געוואָלט זען,
אַז זי וויינט מיט ביטערע טרערן,
רינענדיק אויף איר פּנים. זי האָט געוווסט,
אַלץ וואָס איז וויכטיק פֿאַר מיר איז מײַן אייגן לעבן,
און די לעצטע אַנטפּלעקונג
פֿון איר קלענסטער שוועסטערס גורל
איז פֿאַר מיר בלויז אַ טומל, ניט מער.
אָבער ווען נאָך ווי מיר האָט זי געקענט דערציילן?

בְּסֵפֶר אַחֵר נִכְתַּב שֶׁפִּגְרָה אַחֲרֵי הַמַּחְלָקָה
בִּשְׁעַת בְּרִיחָה מִמִּתְקָפָה, בְּהֵרָיוֹן אוּלַי,
וְנִכְלְאָה בְּגֶ'טוֹ.
הַכֶּלֶא הֻצַּת, אוּלַי בְּטָעוּת,
וְהִיא הָיְתָה אַחַד הַקָּרְבָּנוֹת.

כְּשֶׁאִמָּא סִפְּרָה לִי לָרִאשׁוֹנָה אֶת הַסִּפּוּר
שֶׁשָּׁמְעָה זֶה עַתָּה בַּמִּסְפָּרָה,הָיִיתִי כַּנִּרְאֶה יַלְדָּה, מְזֻעְזַעַת
מֵהִתְיַפְּחוּתָהּ, דְּמָעוֹת
זוֹלְגוֹת עַל לְחָיֶיהָ. הִיא יָדְעָה
שֶׁרַק חַיַּי־שֶׁלִּי עִנְיְנוּ אוֹתִי,
וְשֶׁהַגִּלּוּי הָאַחֲרוֹן
שֶׁל גּוֹרַל צְעִירַת אַחְיוֹתֶיהָ
הָיָה בְּגֶדֶר מִטְרָד.
אַךְ לְמִי עוֹד יָכְלָה לְסַפֵּר?

דער בוידעם אינעם שפּײַכלער, האָט זי געזאָגט,
דאָרט זענען זיי באַהאַלטן – דרײַ װײַבער,
איר מאַן און זי.
זיי זענען געקומען
און אָנגעצונדן דעם שפּײַכלער,
איר מאַן האָט דער ערשטער געהאָלפֿן די אַנדערע פֿרויען,
און זײַן אייגענע פֿרוי איז געווען די לעצטע
אָבער זי איז ניט אַרויס באַצײַטנס,
און לעבעדיק פֿאַרברענט געוואָרן.

מלכּה, מלכּה וואָס האָט אונדז אַלע געראַטעוועט.
מלכּה וואָס האָט געוואַרט אויף מײַן טאַטע־מאַמע,
ווען די שיף האָט זיי געבראַכט צוריק צו דאַנציג,
ווען די ענגלענדער האָבן זיי ניט אַרײַנגעלאָזט אין ארץ־הקודש,
מלכּה, וואָס האָט די לעצטע נאַכט פֿאַר דער נאַצישער אינוואַזיע
געפֿונען פֿאַר זיי בגדים און פּאַפּירן.

ס׳איז ניט פֿאַראַן נאָר איין געשיכטע.
אַלץ וואָס בלײַבט איז אַ בלאַסער בילד,
אַ פּאָר זאַצן אין ביכער וואָס קיינער לייענט ניט,
און איך, וואָס קען ניט אויף זיכער דערציילן
קיין שום געשיכטע.

עֲלִיַּת־הַגַּג בָּאָסָם, אָמְרָה,
הֵם הִסְתַּתְּרוּ שָׁם – שָׁלֹשׁ נָשִׁים,
בַּעֲלָהּ וְהִיא. הֵם בָּאוּ
וְהֶעֱלוּ אֶת הָאָסָם בָּאֵשׁ.
הוּא עָזַר תְּחִלָּה לְנָשִׁים אֲחֵרוֹת,
אֲבָל תּוֹרָהּ לֹא הִגִּיעַ וְהִיא נִשְׂרְפָה חַיִּים.

מַלְכָּה מַלְכָּה שֶׁהִצִּילָה אֶת חַיֵּי כֻּלָּנוּ,
מַלְכָּה שֶׁחִכְּתָה לָהֶם
כְּשֶׁהַסְּפִינָה הֶחֱזִירָה אוֹתָם לְדַנְצִיג
לְאַחַר שֶׁנֶּאֶסְרָה כְּנִיסָתָם לְאֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ,
שֶׁהִשִּׂיגָה לָהֶם אֲשָׁרוֹת חַקְלָאִיּוֹת לְאַנְגְּלִיָּה
שֶׁלִּוְּתָה אוֹתָם בָּעֶרֶב שֶׁבּוֹ הִיטְלֶר פָּלַשׁ.

אֲבָל אֵין סִפּוּר אֲמִתִּי.
כָּל שֶׁנּוֹתַר הוּא תַּצְלוּם דָּהוּי
מִשְׁפָּטִים אֲחָדִים בְּסִפְרֵי זִכָּרוֹן שֶׁאִישׁ לֹא קוֹרֵא,
וַאֲנִי, שֶׁאֵינִי יְכוֹלָה לְסַפֵּר בְּוַדָּאוּת שׁוּם סִפּוּר.

## אין מיטן גאַס

אין מיטן גאַס
האָב איך פּלוצעם מורא.
אַוווּ קען איך זיך באַהאַלטן,
ווען די שׂונאים וועלן אונדז געפֿינען?

פֿאַראַן מענטשן
וועלכע פֿאַרשנעלערן ניט זייערע טריט
און גייען רויִק פֿאַרבײַ.

אָבער איך בין שטענדיק
גרייט צו אַנטלויפֿן.
אפֿשר ווער איך פֿאַרפֿרוירן,
ווי ס'דערשרעקט זיך אַ הירש פֿאַר די לאָמפּן
און פֿאַרשטייט צו שפּעט
אַז ער קאָן שוין צום פֿינצטערן וואַלד ניט אַנטלויפֿן.

דערווײַל גיי איך גאָר פּאַמעלעך אויפֿן טראַטואַר,
היט זיך בלײַבן נאָענט צום וואַלד.

## באמצע הרחוב

בְּאֶמְצַע הָרְחוֹב
אֲנִי פּוֹחֶדֶת פִּתְאוֹם.
הֵיכָן אֶסְתַּתֵּר,
כְּשֶׁיְּחַפְּשׂוּ אוֹתָנוּ הָאוֹיְבִים?

יֵשׁ אֲנָשִׁים
שֶׁלֹּא מְאִיצִים אֶת צַעֲדֵיהֶם
וְעוֹבְרִים בְּשֶׁקֶט.

אֲבָל אֲנִי תָּמִיד
מוּכָנָה לִבְרֹחַ.
שֶׁמָּא אֶקְפָּא,
כְּמוֹ אַיָּלָה קוֹפֵאת
לִפְנֵי אוֹרוֹת שֶׁל מְכוֹנִית
וּמְבִינָה מְאֻחָר מִדַּי
וּכְבָר לֹא יְכוֹלָה לִבְרֹחַ לַיַּעַר.

עַכְשָׁו אֲנִי הוֹלֶכֶת בַּשְּׁבִיל לְאַט,
מַקְפִּידָה לְהִשָּׁאֵר קָרוֹב לַיַּעַר.

# דײַן ווײַסע הויט

דײַן ווײַסע הויט
איז פֿאַרשטעלט פֿון מיר
ווי אַן עקראַן
וואָס ווײַזט ניט קיין פֿילם

און פֿאַרשלייערטע אויגן
מיט אַ שמייכל וואָס זאָגט.
דו קענסט מיך ניט אָנרירן.

# עורך הלבן

עוֹרֵךְ הַלָּבָן
הֶחָסוּם מִמֶּנִּי
כְּמוֹ מָסָךְ
שֶׁלֹּא מַקְרִן אַף סֶרֶט

וְעֵינַיִם מְלֻכְסָנוֹת
וְחִיּוּךְ שֶׁאוֹמֵר
אַתְּ לֹא תִּגְּעִי בִּי.

## אַ ייִד

אַ ייִד ווערט מער ייִד,
ווען די וועלט האָט אים פֿײַנט.
אַ ייִד ווערט מער ייִד
ווען ער האָט שוין מער ניט קיין צײַט.

און צוליב די צוויי סיבות
בין איך געוואָרן אַ ייִד .

# יהודי

יְהוּדִי נַעֲשֶׂה יוֹתֵר וְיוֹתֵר יְהוּדִי
כְּשֶׁהָעוֹלָם שׂוֹנֵא אוֹתוֹ.
יְהוּדִי נַעֲשֶׂה יוֹתֵר וְיוֹתֵר יְהוּדִי
כְּשֶׁלֹּא נוֹתַר זְמַן.
מִשְּׁתֵּי הַסִּבּוֹת הָאֵלֶּה
נִהְיֵיתִי יְהוּדִי

## ליגנס

כ׳האָב שוין פֿאַרגעסן ווי צו זאָגן ליגן.
דעמאָלט, אַלס קינד,
איז עס מיר אָנגעקומען גרינג.
מעשׂיות האָבן מיר געהאָלפֿן
געפֿינען מײַן אָרט אויף דער וועלט...
״יאָ״ אַנשטאָט ״ניין״,
״איצט״ אַנשטאָט ״שפּעטער,״
״איך קען״ אַנשטאָט ״כ׳קען ניט.״

הײַנט קען איך אַ סך,
און וואָס איך קען ניט,
מוז איך שוין ניט לערנען.

בענק איך אָבער,
בענק איך שטאַרק
נאָך יענע ווײַטע טעג,
ווען ס׳האָט אַ קליין ליגן
מיך געראַטעוועט.

# שקרים

שָׁכַחְתִּי אֵיךְ מְשַׁקְּרִים.
אָז, כְּיַלְדָּה,
זֶה בָּא לִי בְּקַלּוּת.
סִפּוּרִים עָזְרוּ לִי
לִמְצֹא אֶת מְקוֹמִי בָּעוֹלָם.
"כֵּן" בִּמְקוֹם "לֹא"
"עַכְשָׁו" בִּמְקוֹם "מָחָר"
"אֲנִי יוֹדַעַת הַכֹּל" בִּמְקוֹם
"אֲנִי לֹא יוֹדַעַת שׁוּם דָּבָר".

הַיּוֹם אֲנִי יוֹדַעַת הַרְבֵּה
וְאֶת מָה שֶׁאֵינִי יוֹדַעַת
אֵינִי חַיֶּבֶת לִלְמֹד.

אַךְ אֲנִי מִתְגַּעְגַּעַת,
מִתְגַּעְגַּעַת הַרְבֵּה
אֶל הַיָּמִים הָרְחוֹקִים הָהֵם,
כְּשֶׁשֶּׁקֶר קָטָן
הָיָה מַצִּיל אוֹתִי.

## טאַנטע ריווטשע

מײַן מאַמעס טאַנטע
האָט געוווּסט ווי אַזוי
צונויפֿקלײַבן אין איין האַנט אַ פּאַפּיר
און אַרויסציִען פּונקט
די ריכטיקע וואָג טאַבאַק
צו קײַקלען אַ פּאַפּיראָס.

מיט דער אַנדער האַנט
האָט זי געהאַלטן אַ פֿאָכער קאָרטן.

דער פֿעטער האַט געדאַרפֿט
דערנענטערן דעם פֿײַער צו אירע ליפּן.

איך בין ניט זיכער,
צי זי האָט אַלע מאָל געוווּנען אין קאָרטן,
אָבער בײַ מיר זיצט זי הײַנט
בײַם טיש מיט אירע פּאַפּיראָסן
און לאַכט און שפּילט
און וואַרט אַז עמעצער
זאָל צו אירע ליפּן דערלאַנגען דעם פֿײַער.

# דודה ריבצ'ע

דּוֹדָתָהּ שֶׁל אִמִּי
יָדְעָה אֵיךְ
לִבְחֹר בְּיָד אַחַת נְיָר
וְלֶאֱסֹף בְּדִיּוּק
מָנָה נְכוֹנָה שֶׁל טַבָּק
כְּדֵי לְגַלְגֵּל סִיגַרְיָה

וּבַיָּד הַשְּׁנִיָּה
לְהַחְזִיק מְנִיפָה שֶׁל קְלָפִים.

הַדּוֹד הָיָה צָרִיךְ
לְהִתְקָרֵב עִם הָאֵשׁ אֶל שְׂפָתֶיהָ.

אֵינִי בְּטוּחָה
אִם תָּמִיד זָכְתָה,
אֲבָל אֶצְלִי גַּם כַּיּוֹם עוֹדֶנָּה יוֹשֶׁבֶת
לְיַד הַשֻּׁלְחָן עִם הַסִּיגַרְיוֹת שֶׁלָּהּ
וְצוֹהֶלֶת וּמְשַׂחֶקֶת
וּמְחַכָּה שֶׁמִּישֶׁהוּ
יְקָרֵב אֶת הָאֵשׁ לִשְׂפָתֶיהָ.

## אַ גאַנצן טאָג זוך איך מײַנע ברילן

אין מײַנע אויגן
איז די וועלט צעטײלט
צווישן לעבן און וואָרט.

אַלץ וואָס איז קלײן דאַרף
אַ באַזונדערער אויפֿמערק,
קלאָר פֿאַרגרעסערט ווערן –

בשעת אַלץ וואָס געהערט צום לעבן
דאַרף געזען ווערן
ניט ווי דורך אַ שויב פֿון גלאָז.

כאָטש איך דאַרף עטלעכע
אויפֿקלערונגען
אויף צו דערזען
פֿונעם דאָ צו דעם דאָרט.

אַזוי קוק איך שטענדיק אַוווּ זײַנען די ברילן
וואָס איך האָב אַ וואָרף געטאָן מיט אַ מינוט פֿריִער.

## אני תמיד מחפשת את משקפי

בְּעֵינַי
הָעוֹלָם מְחֻלָּק
לַחַיִּים וְלַמִּלָּה.

הַדְּבָרִים הַקְּטַנִּים דּוֹרְשִׁים
תְּשׂוּמַת־לֵב מְיֻחֶדֶת –
מִקּוּד בָּרוּר שֶׁל עֲדָשׁוֹת –

בִּזְמַן שֶׁהַדְּבָרִים הָאֲמִתִּיִּים
רוֹצִים לְהֵרָאוֹת
בְּלִי הַזְּגוּגִית הַקְּטַנָּה

לַמְרוֹת שֶׁאֲנִי זְקוּקָה
לְכִוְנוּן, הַבְהָרָה,
רַק כְּדֵי לְהַגִּיעַ
מִפֹּה לְשָׁם.

אָז אֲנִי תָּמִיד מְחַפֶּשֶׂת אֶת הַמִּשְׁקָפַיִם
שֶׁהוֹרַדְתִּי בְּזַעַם לִפְנֵי כַּמָּה דַּקּוֹת.

דערפֿאַר זײַנען מײַנע טעג געטרײַ
צו וואָס איך קען זען,
און איך האָב קיין צײַט ניט,
צו טראַכטן וואָס עס מיינט.

וְיָמַי הַשּׁוֹקְעִים מְקֻדָּשִׁים
לַשְּׁאֵלָה אֵיךְ אֶרְאֶה

וְלֹא מָה פֵּשֶׁר הַדְּבָרִים.

# אין שפּיטאָל

ער זיצט בײַם פֿענצטער.
וואָס איז דאָ צו זען?
אַ שטילע וואַנט
די נאַקעטע ערד
אָן בײמער, אָן בלומען, אָן גראָז,
אָן סוף.

זיצט ער
בײַם פֿענצטער
און וואַרט
און קוקט.

און איך,
איך זיץ
און קוק אויף אים
און וואַרט.

## בבית החולים

יוֹשֵׁב לְיַד הַחַלּוֹן.
מָה כְּבָר יֵשׁ לִרְאוֹת?
קִיר שָׁקֵט
חֶלְקַת אֲדָמָה רֵיקָה
בְּלִי עֵצִים בְּלִי פְּרָחִים בְּלִי דֶּשֶׁא
בְּלִי סוֹף.

יוֹשֵׁב
לְיַד הַחַלּוֹן
וּמְחַכֶּה
וּמַבִּיט

וַאֲנִי יוֹשֶׁבֶת בּוֹהָה בּוֹ וּמְחַכָּה.

# דערמאָנונג

צימטנוויַיז
דער אַראָמאַט
פֿון אַמאָליקע ליבעס
קען פּלוצעם אויפֿוועקן
אַ טאָג וואָס איז, אין אַלע אַנדערע הינזיכטן,
אַ גאַנץ איינפֿאַכער פֿרימאָרגן,

אַזוי ווי אַן אַלטע ליבע
קען קומען צוריק
מיט די זעלבע
הייסע פֿלאַמען
פֿון אַמאָל.

מאַך זיך ניט וויסנדיק
פֿון זײַן באַטײַט.
האָט הנאה
פֿון דעם איינציקן חוש
וואָס קען קיין מאָל ניט אָפּנאַרן.

# נביעה

לִפְעָמִים רֵיחוֹ
שֶׁל אָהוּב מִשֶּׁכְּבָר
יָכוֹל לְהַפְתִּיעַ בְּאֶמְצַע יוֹם
שֶׁמִּכָּל בְּחִינָה אַחֶרֶת
הוּא יוֹם שִׁגְרָתִי

כְּמוֹ שֶׁאַהֲבָה יְשָׁנָה
עֲשׂוּיָה לָשׁוּב וּלְהוֹפִיעַ
עִם כָּל הַלַּהַט
מִן הֶעָבָר.

אַל תָּשִׂימוּ לֵב
לְמַשְׁמָעוּתוֹ,
הִתְעַנְּגוּ עַל רֵיחוֹ,
הִתְעַנְּגוּ עַל הַחוּשׁ הַיָּחִיד
שֶׁלְּעוֹלָם אֵינוֹ מְשַׁקֵּר.

## לילית צו איר מאַן

איך האָב עס געקענט מאַכן איינע אַליין –
לאָזן אַ ירושה פֿאַר אַלע צײַטן,
מײַן גוף איז גוט געמויערט ווי דײַנעם.

איך האָב געקענט בויען אַ גאַנצע וועלט מיט זיך אַליין –
אַ פֿרוי סײַ מיט שיינקייט, סײַ מיט חכמה,
מיט טעכטער וואָס דערהרגענען ניט זייער אייגענע שוועסטער
און באַפֿאַרבן די גאַנצע וועלט מיט בלוט.
כ'האָב אַ בעסערע וועלט געקענט בויען.

אָבער דו, אָדם, האָסט געמוזט זײַן איבער מיר.
און מיר איז געווען אַ סך בעסעראין גאַנצן אַרויספֿאַלן פֿון
חומש.

# לילית לאדם

יָכֹלְתִּי לִבְרֹא אֶת הַכֹּל בְּעַצְמִי –
יְרֵשָׁה לְכָל הַיָּמִים –
גּוּפִי מְעֻצָּב בְּדִיּוּק כְּמוֹ שֶׁלְּךָ.

יָכֹלְתִּי לִבְרֹא בְּעַצְמִי אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ –
אִשָּׁה גַּם יָפָה וְגַם חֲכָמָה יוֹתֵר,
עִם בָּנוֹת שֶׁלֹּא הוֹרְגוֹת אֶת אַחְיוֹתֵיהֶן
וְצוֹבְעוֹת אֶת כָּל הָעוֹלָם בְּדָם.
יָכֹלְתִּי לִבְרֹא עוֹלָם טוֹב יוֹתֵר.

אֲבָל אַתָּה, אָדָם, הָיִיתָ חַיָּב לִהְיוֹת מֵעָלַי
וַאֲנִי הֶעֱדַפְתִּי לִפֹּל,
לִפֹּל לְגַמְרֵי אֶל מִחוּץ לַתּוֹרָה.

# סוף

פֿרעג ניט ווי לאַנג מיר וועלן בלײַבן.
דאָקטוירים ווייסן קיין מאָל ניט.
און כאָטש
זיי קענען אָפּשאַצן אייניקע סיבות,
קען קיינער ניט אויסרעכענען
גלוסט, חסדד, דעם כּוח
צו געבן אַ באַטײַט אַיעדן טאָג
אַיעדן מענטש
ווענען דו רירסט אָן.

# סוף

אַל תִּשְׁאַל כַּמָּה זְמַן נִשְׁאַר לְךָ. הָרוֹפְאִים
לֹא יוֹדְעִים, הֵם רַק יְכוֹלִים לְהַעֲרִיךְ
כַּמָּה גּוֹרְמִים, אֲבָל אִי אֶפְשָׁר לְחַשֵּׁב
רָצוֹן, חֶסֶד, אֶת הַכּוֹחַ לְהַעֲנִיק מַשְׁמָעוּת
לְכָל יוֹם, לְכָל אָדָם
שֶׁבּוֹ אַתָּה נוֹגֵעַ.

# אַ לעקעך צום געבורטסטאָג

אַ לעקעך צום געבורטסטאָג
איז אַ ברכה
און אַ תּפֿילה
און אַ טעם פֿון אַ ליד.
זיסע ווערטער
וואָס ווערן אַראָפּגעשלונגען
בײַ איעדן איינעם
וואָס נעמט אין דעם אָנטייל.

נאַט אײַך. נעמט. עסט.

## עוגת יום הולדת

עוּגַת יוֹם הֻלֶּדֶת
הִיא בְּרָכָה
תְּפִלָּה וְגַם
סוּג שֶׁל שִׁיר,
מִלִּים מְתוּקוֹת
הַנֶּעֱלָמוֹת בְּפִיו
שֶׁל כָּל אֶחָד
מֵהַמִּשְׁתַּתְּפִים.

קְחוּ. תֹּאכְלוּ.

# זכּרון

װען זײ זאָגן "געדענק"
מײנען זײ, אַז עס איז מיגלעך
צו פֿאַרגעסן.

אָבער טיף אינעװײניק אין מיר
זײַנען פֿאַראַן ברידער און שװעסטער
קײן מאָל ניט געבאָרענע

"געדענקען" האָט גאָרנישט צו טאָן
מיט זכּרון.

# זכרון

כְּשֶׁאוֹמְרִים ״תִּזְכֹּר״
הֵם מִתְכַּוְּנִים שֶׁאֶפְשָׁר
לִשְׁכֹּחַ.

אַךְ עָמֹק בְּתוֹכִי
יֶשְׁנָם אַחִים וַאֲחָיוֹת
שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא נוֹלְדוּ

״לְהִזָּכֵר״ לֹא קָשׁוּר
לַזִּכָּרוֹן.

# קעץ

איך קען נישט אַדורכגיין די גאַסן פֿון תּל־אָבֿיבֿ
אָן פּרובירן צו שמועסן
מיט אירע בעלי־בתּים, די קעץ,
מערסטנס מיט אַ גרויסער הצלחה.

זיי פֿאַרשטייען מײַן שפּראַך,
אָבער פֿאַרגינען מיר ניט קיין ענטפֿער.
מיר מוזן זיך פֿאָרשטעלן, אַז זיי
האָבן וויכטיקערע זאַכן צו טאָן:

מעסטן אויס זייער טעריטאָריע,
זיך געפֿינען אויפֿן סטראַטעגישן אָרט
ווען די פֿרויען אין דער געגנט
קומען מיט פֿולע זעק עסן,
לעקן זייערע לאַפּעס
צו רייניקן זייער פּנים,
אויסשרײַען אין זייער צעפֿלאַמטקייט
די שטאַרקע ווייטיקן בײַם טרענען.
אָדער באַווײַזן זייערע פֿולע בײַכער צו דער זון
און ציִען אויס זייערע נעגל מיט זיסער איידלקייט.

## חתולים

אֵינִי יְכוֹלָה לַעֲבֹר בָּרְחוֹבוֹת בְּתֵל־אָבִיב
בְּלִי לְבַקֵּשׁ לְדַבֵּר
עִם בַּעֲלֵי הַבַּיִת, הַחֲתוּלִים,
לָרֹב בְּלִי הַצְלָחָה.

הֵם מְבִינִים אֶת שְׂפָתִי
אַךְ אֵינָם טוֹרְחִים לַעֲנוֹת.
אֲנִי מְשֻׁכְנַעַת שֶׁיֵּשׁ לָהֶם
דְּבָרִים יוֹתֵר חֲשׁוּבִים:

לְסַמֵּן אֶת הַטֶּרִיטוֹרְיָה,
לְהִמָּצֵא בְּמָקוֹם אַסְטְרָטֶגִי
כְּשֶׁנְּשׁוֹת הַסְּבִיבָה
מַגִּיעוֹת עִם שַׂקִּיּוֹת אֹכֶל,
לְלַקֵּק אֶת כַּף רַגְלָם
כְּדֵי לְנַקּוֹת אֶת פְּנֵיהֶם,
לִמְתֹּחַ אֶת צִפָּרְנֵיהֶם
לִצְרֹחַ בְּעוֹנַת הַיִּחוּם
מִכְּאֵב הַהִתְיַחֲדוּת,
לְהַפְנוֹת אֶת בִּטְנָם הַמְּלֵאָה לַשֶּׁמֶשׁ
אוֹ לִמְצֹץ בַּעֲדִינוּת אֶת צִפָּרְנֵיהֶם הַמְּתוּקוֹת.

און די גאַנצע וועלט אַרום
דעם ווונדערלעכן געמיש
פֿון פֿאַרבן און קולטורן,
מיט אַלע אונדזערע זכרונות פֿון מלחמות,
מיט גאָר די שרעקן,
מיט רײַכטום און אָרעמקייט
מיר, קליינע מענטשעלעך,
זײַנען ניט זייער דאגה.

וְכָל הָעוֹלָם סְבִיבָם
הַמַּאֲרָג הַמֻּפְלָא
שֶׁל צְבָעִים וְתַרְבּוּיוֹת
עִם זֵכֶר הַמִּלְחָמוֹת
וְכָל הַבֶּהָלוֹת
וְהָעֹשֶׁר וְהָעֹנִי,
שֶׁל בְּנֵי אָדָם קַטְנוּנִיִּים,
זוֹ לֹא בְּעָיָה שֶׁלָּהֶם.

## מײַן הונט

אַמאָל האָב איך געהאַט אַ הונט.
אָדער ס'קאָן זײַן האָב איך געהערט צו אים.

ער האָט מיר אַלץ אויסגעלערנט:
לייענען אַ גאַס ווי אַ צײַטונג,

צו שלאָפֿן אין ווינקל פֿון בעט,
ווי אַזוי בעטן מיט די אויגן.

אַלץ האָט ער מיר געלערנט:
אַז קיינער געהערט ניט צו קיין אַנדערן,
אַז ליבע איז בעסער פֿון הערשאַפֿט,
אַז מע מוז לערנען
איינער פֿון צווייטן.

ער האָט מיך אויסגעלערנט זינגען.

# הכלב שלי

פַּעַם הָיָה לִי כֶּלֶב
אוֹ אוּלַי אֲנִי
הָיִיתִי שֶׁלּוֹ

הוּא לִמֵּד אוֹתִי הַכֹּל:
אֵיךְ לִקְרֹא אֶת הָרְחוֹב
כְּמוֹ שֶׁקּוֹרְאִים עִתּוֹן,

אֵיךְ לִישֹׁן בְּפִנַּת הַמִּטָּה
אֵיךְ לְבַקֵּשׁ עִם הָעֵינַיִם,

הוּא לִמֵּד אוֹתִי הַכֹּל:
שֶׁאַף אֶחָד לֹא שַׁיָּךְ זֶה לְזֶה,
שֶׁאַהֲבָה טוֹבָה מִבַּעֲלוּת
שֶׁמֻּכְרָחִים לִלְמֹד
אֶחָד מֵהַשֵּׁנִי.

הוּא לִמֵּד אוֹתִי לָשִׁיר.

# ירושה

דער באַוויַיז אַז האָסט אַ פֿולן לעבן געלעבט
איז ווען דיַינע קינדער זיַינען דיר מוחל,
נישט וויַיל ס׳קומט דיר מחילה
נאָר וויַיל האָסט זיי אויסגעלערנט
מוחל צו זיַין.

# ירושה

הַהוֹכָחָה שֶׁחָיִית חַיִּים שְׁלֵמִים
הִיא שֶׁיְּלָדַיִךְ סוֹלְחִים לָךְ
לֹא מִפְּנֵי שֶׁמַּגִּיעָה לָךְ מְחִילָה
אֶלָּא מִשּׁוּם שֶׁלִּמַּדְתְּ אוֹתָם
לִסְלֹחַ.

## אינהאַלט
## תוכן העניינים


*אַרײַנפֿיר* . . . . . . . . . . . . . . . . 6
*מבוא* . . . . . . . . . . . . . . . . 8

ייִדיש . . . . . . . . . . . . . . . . 10
ייִדיִש . . . . . . . . . . . . . . . . 11

שרײַבן לידער . . . . . . . . . . . . . . . . 12
כתיבת שירים . . . . . . . . . . . . . . . . 13

אַ קליין טייל פון דער געשיכטע . . . . . . . . 16
חלקיק קטן . . . . . . . . . . . . . . . . 17

ירושה . . . . . . . . . . . . . . . . 18
ירושה . . . . . . . . . . . . . . . . 19

אַפּעטיט . . . . . . . . . . . . . . . . 20
תיאבון . . . . . . . . . . . . . . . . 21

דעם שליסל. . . . . . . . . . . . . . . . 22
המפתח . . . . . . . . . . . . . . . . 23

אַ פּאָר סאָלדאַטן . . . . . . . . . . . . . 24
כמה חיילים . . . . . . . . . . . . . . . . 25

נאָך דער מלחמה . . . . . . . . . . . . . 26
אחרי המלחמה . . . . . . . . . . . . . . 27

פּליטים . . . . . . . . . . . . . . . . 28
פליטים . . . . . . . . . . . . . . . . 29

איר געשיכטע . . . . . . . . . . . . . . . 32
הסיפור שלה . . . . . . . . . . . . . . . 33

אין מיטן גאַס . . . . . . . . . . . . . . 40
באמצע הרחוב . . . . . . . . . . . . . . 41

דײַן װײַסע הויט . . . . . . . . . . . . . . . . 42
עורך הלבן . . . . . . . . . . . . . . . 43
אַ ייִד . . . . . . . . . . . . . . 44
יהודי . . . . . . . . . . . . . . 45
ליגנס . . . . . . . . . . . . . . . 46
שקרים . . . . . . . . . . . . . . 47
טאַנטע ריװטשע . . . . . . . . . . . . . . . 48
דודה ריבצ׳ע . . . . . . . . . . . . . . 49
אַ גאַנצן טאָג זוך איך מײַנע ברילן . . . . . . . . . 50
אני תמיד מחפשת את משקפי . . . . . . . . . . 51
אין שפּיטאָל . . . . . . . . . . . . . . 54
בבית החולים . . . . . . . . . . . . . . . 55
דערמאָנונג . . . . . . . . . . . . . . . . 56
נביעה . . . . . . . . . . . . . . . 57
לילית צו איר מאַן . . . . . . . . . . . . 58
לילית לאדם . . . . . . . . . . . . . . 59
סוף . . . . . . . . . . . . . . . . . 60
סוף . . . . . . . . . . . . . . . . . 61
אַ לעקער צום געבורטסטאָג . . . . . . . . . . 62
עוגת יום הולדת . . . . . . . . . . . . . 63
זכּרון . . . . . . . . . . . . . . . . 64
זכרון . . . . . . . . . . . . . . . . 65
קעץ . . . . . . . . . . . . . . . . . 66
חתולים . . . . . . . . . . . . . . . . 67
מײַן הונט . . . . . . . . . . . . . . . 70
הכלב שלי . . . . . . . . . . . . . . 71
ירושה . . . . . . . . . . . . . . . . 72
ירושה . . . . . . . . . . . . . . . . 73